בס"ד

# מבאר רבותינו

כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

שנה כ"ה גליון מ"ד (אלף ר"נ) פרשת פנחס

כ"א תמוז תשפ"ד לפ"ק

לע"נ מרן הגה"צ רבי שמואל בן רבי יחזקאל שרגא זצ"ל מנאנאש, והרבנית הצדיקת מרת אסתר בת הר"ר יצחק ז"ל

הדלקה"נ: ברוקלין 8:01 =מאנסי - קרית יואל: 8:04 = לונדון: 8:42 = אנטווערפען: 9:22

מוצשב"ק: ברוקלין 9:28 = מאנסי - קרית יואל: 9:31 = לונדון: 10:08 = אנטווערפען: 10:49

## מבאר התלמוד

**לאלה תחלק הארץ** (כ"ו נ"ג). שמעתי בזה מעשה שהי', שרבינו אור ישראל **הבעש"ט** נסע פעם אחת לדרכו, וכאשר נטו צללי ערב נסע ללין בכפר אחד במלון, ולקח לו שמה חדר מיוחד לו ולאנשיו, ויהי בערב ויבואו שמה מחותנים ונכבדיהם לעשות שמה חתונה, ושמחו שמה כל הלילה, והבעש"ט לא פנה אליהם, ולן שמה בחדרו בלוית אנשיו, ובהיות הבוקר וישכימו המחותנים ליסע לדרכם, ויתפרדו איש מעל רעהו, וישלחו איש לרעהו לשלום, וגם החתן והכלה יצאו ללוותם, והבעש"ט עמד אז מבחוץ הכן לנסוע לדרכו, ויראו כי עמדה צפור 'הרוחמה' על האילן, וצפצפה לנגדו ונגד החתן והכלה, ויפן הבעש"ט אל אנשים ויאמר: הידעתם מה שהרוחמה הזאת צועקת, היא צועקת לאלה תחלק הארץ, ולא ידעו ולא הבינו דעתו הרמה, ולא הרהיבו לשאול אותו. אחר כמה שנים כבירים, והזוג הלזה הצליחו וראו בנים ובני בנים, אז עלה בדעת האיש ליסע לארה"ק, אבל אשתו זאת לא רצתה לעזוב את ילדיה ובני בניה, והלכו לדין תורה, ונפסק הדין שיחלקו בנכסיהון ותקבל גט פטורין, ונשארה בחו"ל, והוא נסע לארה"ק, ומעשה הלזה צללה בכל המדינה, עד שהגיע השמועה לאזני האנשים שהיו אז עם הבעש"ט באותו כפר, אז הבינו דעת רבם הקדוש מה שאמר אז שהרוחמה קראה "לאלה תחלק הארץ", כלומר שהארת הקדושה עשתה חלוקה בין אלה, שהוא נסע שמה והיא נשארת כאן. (מבשר טוב)

*

**את הכבש אחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים** (כ"ח ד'). בעת שהיה המגיד **מקאזניץ** במדינת אונגארן הלך לבקר את הה"צ **מקאליב** ז"ל, ולא ידע איזה דרך הולך לקאליב, והריח הדרכים ואמר שזה הדרך הולך לקאליב, וכשהגיע המגיד לחדרו של הגה"ק מקאליב זצ"ל הלך ביחד עם זקני ר' יעקב ע"ה, ומצאו שהולך הגה"צ מקאליב בחדרו מפינה לפינה, ואמר הפסוק את הכבש אחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים, ווי נעמט מען די צוויי שעפעלאך, ואח"כ נתן לו שלום. (אביר הרועים קאלוב, דף ק"ז)

*

## מבאר התורה

### את קרבני לחמי לאשי / שלחנו של אדם מכפר

דרכו בקודש של הרה"ק המגיד מטריסק זצוק"ל היה, שהיה נותן תמיד לאכול להחסידים שבאו להסתופף בצל קדשו, וכאשר על איזה שבת ויו"ט היה תמיד חסידים למאות ולאלפים, ונתן לכולם לאכול, ומחמת זה נעשה אחר יו"ט בעל חוב גדול, ונכנסו אצלו איזה אנשים מכובדים ומקורבים, ושאלו את פיו קדשו, הלא מחמת שההוצאה מסעודות החסידים הוא מרובה, נעשה הרבי בעל חוב, ומוכרח הרבי לשלוח לקבץ מעות מהחסידים ולפרוע החובות, הלא יותר טוב היה שהרבי לא יתן לחסידים לאכול, ולא יצטרך אח"כ לקחת מאתם מעות לשלם החובות, הרה"ק מטריסק לא ענה להם כלום על דבריהם, וחשבו שהשתיקה כהודאה דמיא, ונכנסו עוד הפעם לדבר מזה, אז פתח הרה"ק ואמר להם: הנה בזמן שביהמ"ק היה קיים היה כל אחד ואחד מביא קרבן ונסלח לו, רק עכשיו שאין בית המקדש קיים, שלחנו של אדם מכפר עליו (ברכות נ"ה ע"א), מפני ששלחן של אדם במקום מזבח, בכן אני אומר: את קרבני לחמי לאשי (פרשתן, כ"ח ב'), את קרבני, מה הוא הקרבן שלי, לחמי לאשי, שאני נותן לחמי לאנשים הנוסעים אצלי, ובזה יהיה ריח ניחוח לה', ויהי' סליחה ומחילה לכל החסידים. (ילקוט מאורי אור)

שמעתי מפי כ"ק אאמו"ר [רבי שלמה מבאבוב] זצ"ל בשם הרב הקדוש הרבי מלובלין זי"ע שהיה משתעי בלישנא דחכמתא ואמר: אז די מוציא גערהאט איז זיא בעסער ווי א בילקע. והגם כי מאוד עמקו מחשבותיו, ואנחנו לא נדע את עומק כוונותיו, מ"מ בדרך פשוט יש להבין על פי דברי חכמז"ל (חגיגה דף כ"ז ע"א) בזמן שביהמ"ק קיים מזבח מכפר על אדם, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו, והוא כי על ידי כוונת האכילה הוא מעלה את ניצוצי הקדושה שבתוך המאכל כדאיתא בספרים הקדושים, וזה נעשה כשמברך על מזונו בכוונה, על ידי זה הוא מעלה את הניצוץ הקדוש שבו, וכמו שכתוב בזוה"ק פרשת ויקהל (רי"ח ע"ב) וכיון דבר נש אכיל ושתי וקא מברך, האי ברכתא סלקא ואתהני מאלין מלין דשבעין, דסלקין ואישתכח דאיתהני ממזונא מתתא ומלעילא, וז"ש רבינו הקדוש מלובלין זצ"ל, אז די מוציא גערהאט, היינו כשעלה בידו לברך ברכת המוציא כהוגן וכנכון, איז זיא בעסער וויא א בילקע, שמעלה את הניצוץ על ידי ברכת המוציא, ואז נהנים גם נשמתו וכל העולמות העליונים, כי מן הבילקע בלבד, בלא ברכה, נהנה רק הגוף. (קדושת ציון פרשת אמור, בד"ה והקרבתם על הלחם)

שמעתי מאאמו"ר הגה"ק זצ"ל בשם אביו הגה"ק מו"ה אברהם [מטשעגגער] זצ"ל כי הגה"ק בעל דברי חיים זצ"ל הי דרכו ליסע לעיר אובן-פעסט לרפאות כאב רגלו במחוז לוקאטש, בהיותו שם פעם בתחלת חודש מנחם אב, וכד הוי מסיים מסכת עשה סעודה גדולה בבשר ויין בחברת מרעים בתוך הסעודה הופיע לשם זקני הגה"ק בעל מנוחת אשר לבקרו, כאשר נכנם נעשה רעש גדול בין המסובים, מיד והודיעו להגה"ק מצאנז שהגה"ק מטשעגגער בא, הרה"ק מצאנז מיד חרד לקראתו, והושיבו אצלו בראש השלחן, אז פתח הרה"ק מצאנז את פה קדשו ואמר בדרך צחות: אנו רואים שהרב מטשעגגער משתומם על מה שאנו קובעים סעודה בימים אלו עם בשר ויין, אולם רז"ל אמרו (סוף חגיגה) בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו, אמנם הרב מטשעגגער לא חטא מעולם והוא צדיק גמור, אין צריך לשלחן ולסעודה לכפר עליו, לא כן אני, שלב יודע מרת נפשו, ומי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאתי, צריכים לחטאת שמנה ולשלחן לכפר. (בית אשר אהל שרה בס' מנוחת אשר, דף ל"ג)

## עובדא דשמואל סיפורי צדיקים שנשמעו ממרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל [רנ]

**אלף שה.** פ"א נסע הגה"צ רבי אהרן זילבערשטיין זצ"ל אב"ד ור"מ דק"ק בעלעד יצ"ו בן הגה"ק בעל מעשי למלך מווייטצען זצ"ל [יודה"ל כ"ה תמוז] עם בני ישיבתו להשתתף אצל שמחת חתונה, והי' שם גם אביו בעל מעשי למלך ושאר גדולי ישראל זצ"ל, והגה"צ מבעלעד סידר בין תלמידיו שהם ישמשו ויעמדו לשרת לאביו הגדול ושאר גדולי הדור המשתתפים, וכאשר נתקבצו המסובין לפני החתונה, ועוד הי' זמן רב עד להחופה, וישב בעל מעשי למלך בראש, ניגש אליו הב' אשר שימש אותו, ושאלו באם יביא לו גמרא ללמוד בו בזמן כזה, אשר יושבים פה לפני החתונה, ולמה ישב כבטל. ואמר לו בעל מעשי למלך: עה, אין לישב בין אנשים [צווישן לויטע] עם גמרא, ובענוותנותו אמר לו: אביסל קען איך אויסענוועניג, וילמוד כן, אולם לישב עם גמרא בין אנשים שאינם לומדים, להראות בזה שרק הוא מתמיד ולומד כעת, אין עושין כן. (מפי בעל העובדא אשר שימש אותו אז הגה"ח רבי שמעון חיים הכהן לעווינשטיין זצ"ל) א"ה: זה אינו כלל בכל מקום, אולם צריכין לידע שלהראות את עצמו כלומד, זהו וודאי אינו דבר נכון].

**אלף שו.** הרה"ק מראפשיץ זצ"ל אשר כידוע הי' חכם הרזים [וכאשר צוה לכתוב על מצבת קדשו יחיד בדורו בחכמת אלקים] לא הי' יכול לסבול אנשים קטני הדעת. ופ"א אמר, אפילו אם אראה אחד שעומד אצל שער גן עדן, ונושאים אחריו עגלות מלא בתורה ומצות ומעשים טובים שעשה, אולם באם הוא נאר, ארוץ אחריו ואצעוק: נאר בלייבט נאר. - ומי יבא בסודו. (מפי אמי מורתי הצדיקת ע"ה בשם חסידי ראפשיץ שדרו בעיר נאנאש יצ"ו)

**אלף שז.** הגאון רבי שמואל סאלאנט זצ"ל גאב"ד ירושלים עיה"ק תו"ב הי' נוהג בליל התקדש חג פסח להתפלל במוקדם, וערך הסדר במהירות רב, וכוונתו הי' בזה, שבעת שבני העיר ישבו עצמן אצל עריכת הסדר, ואפשר שיתרמי להם שאלות שונות, יהי' ביכלתם לבוא אצלו לשאול, ולא יתעכבו מלבוא, מאחר שידעו שאין מפריעים אותו מעריכת הסדר שכבר גמרו.

**אלף שח. / בהיכל קדשו:** מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל התנגד מאוד לאלו שעשו מסחר שלא על פי חוקי המדינה בארה"ב, והקפיד על זה מאוד. וידענא שפ"א קרא איש אחד על הטעלפאון לבית מרן זצ"ל שפקידי הממשלה נכנסו לבית חרושת [פאבריק] שלו, ומצאו אצלו דברים שאסור לעשות על פי החוק, וביקש מאחד מהמשמשים להזכיר למרן זצ"ל מצרתו, וכאשר מסר למרן זצ"ל בקשת האיש, אמר לו מרן זצ"ל בקפידא גדולה: למה עשה כן, הלא אסור לעשות כדברים האלה, והאיש התחנן ע"י המשמש בצרתו שלמעשה הוא נמצא כעת בצרה גדולה, ומרן זצ"ל יתן את ברכתו. וציוה מרן זצ"ל את המשמש לשאול אותו באם הוא מבטיח שמהיום והאלה לא יעשה עוד כזה, וכאשר הבטיח כן, נתן מרן זצ"ל ברכתו שעשתה פרי.

**אלף שט. / בהיכל קדשו:** שמעתי פ"א ממרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל שאמר: הכל מסרו מן השמים להצדיקים לפעול, רק דבר אחד שאין ביכלתם לפעול ואינו מסור בידם, וזהו להביא משיח צדקנו, כידוע שמכל הפעולות שעשו הצדיקים במשך הדורות למהר הגאולה, לא עלתה בידם .

# דער קוואל פון צדיקים

## דערציילונגען פון רבותינו הקדושים צו זייער יארצייט

**יארצייט פון**
**הגאון הקדוש מרן**
**רבי דוד מקאצק זי"ע**
**כ"ב תמוז שנת תרל"ג לפ"ק**

הרה"ק רבי דוד מקאצק זצ"ל איז געבוירן געווארן שנת תקס"ט לפ"ק צו זיין טאטן הרה"ק רבי מנחם מענדל זצ"ל דער שרף פון קאצק, וואס ביי אים האט ער געלערנט און אויפגעצויגן געווארן, פון זיינע יונגע יארן איז ער שוין געווען געערט און געשעצט ביי יעדן איינעם, נאך די פטירה פון זיין טאטע איז ער געווארן ממלא מקומו אין שטאט קאצק יצ"ו, און ער האט באשיינט די אויגן פון אידישע קינדער צו תורה און יראת שמים בקדושה וטהרה. ער איז נסתלק געווארן כ"ב תמוז שנת תרל"ג לפ"ק, זיין הייליגער ציון געפינט זיך אין שטאט קאצק יצ"ו.

ווען רבי דוד מקאצק איז געבוירן געווארן, איז זיין טאטע הרה"ק רבי מנחם מענדל **מקאצק** זצ"ל נישט געווען אינדערהיים אין שטאט טומאשוב ווי ער האט דעמאלטס געוואוינט, נאר ער האט זיך דעמאלטס אויפגעהאלטן ווי זיין סדר איז געווען ביי זיין רבי דער יוד הקדוש פון **פרשיסחא** זצ"ל, ווען א שליח איז געקומען און אים איבערגעגעבן די פרייליכע בשורה אז עס איז אים געבוירן געווארן א קינד, איז ער דעמאלטס געזיצן אין בית המדרש, האט ער זיך אנגערופן זאגענדיג: ויהי דוד לכל דרכיו משכיל. (אמת ואמונה קאצק, דף קי"ב)

*

זיין טאטע הרה"ק **מקאצק** זצ"ל האט גאר שטארק געליטן פון צער גידול בנים רח"ל, אלע זיינע קינדער וואס זענען געבוירן פון זיין ערשטע רביצין ע"ה זענען ל"ע נפטר געווארן אין זייערע יונגע יארן. אמאל ווען איינער פון די אינגע קינדער איז נפטר געווארן, איז דער טאטע געזיצן שבעה צוזאמען מיט זיין זון רבי דוד וואס איז נאך געווען יונג, איז געקומען מנחם אבל זיין החסיד ר' פרץ מהוראדלי ע"ה, און ווען ער האט געזעהן ווי די יונגער דוד'ל זיצט אויף די קאלטע ערד, האט ער זיך געוואגט און געפרעגט זיין רבין דער הייליגער קאצקער: פארוואס זיצט דאס קינד אין אזא מצב, האט אים דער קאצקער געענטפערט: זארג דיר נישט, ער וועט נאך זיין א ראש און א חשוב. (שיח שרפי קודש ח"ג דף ה')

*

זיין טאטע הרה"ק **מקאצק** זצ"ל האט אמאל גערעדט פון די גרויסע כח פון די תפלות פון זיין זון רבי דוד, האט ער זיך אויסגעדריקט: מיין דוד'ל, וואס ער בעהט שטרעקט מען אים דאס אויס פון הימעל. (אהבת דוד קאצק, מדור לכל דרכיו משכיל פרק א' דף י"ג)

*

נאך די פטירה פון זיין טאטע הרה"ק מקאצק זצ"ל האט הגאון החסיד רבי אלעזר מביאלסטוק זצ"ל נישט געוואוסט אויב ער זאל פארן צו א אנדערע רבי, אדער ער זאל פארבלייבן ביי רבי דוד, צוליב וואס רבי דוד האט נישט געפירט דעם ציבור, און נישט געזאגט קיין תורה, און נישט ארויס געוויזן קיין מדריגות, אזוי האט ער זיך ארומגעדרייט אין שטאט קאצק פאר עטליכע טעג פארטיפט אין זיינע מחשבות, ביז איין טאג איז אים איינגעפאלן אז ער וועט אריינגיין צו די רביצין די מאמע פון רבי דוד, אפשר וועט ער פון איר קענען געוואויר ווערן מער מדריגות אויף איר זון, אבער ער האט אריינשפאצירט אין צימער פון רבי דוד, און רבי דוד האט אים תיכף געזאגט: אויפן פסוק (פרשת וירא) איה שרה אשתך ויאמר הנה באהל, זאגט רש"י ז"ל זי איז א צנועה, איז לכאורה שווער וואס איז א נפקא מינה דאס צו וויסן.

נאר זאלסט וויסן - האט רבי דוד געזאגט פאר רבי אלעזר: ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט האבן די מלאכים מקטרג געווען זאגענדיג מה אנוש כי תזכרנו, פארוואס דארפסטו מענטשען אויף די וועלט, האט זיי השי"ת געזאגט: ווארטס נאר צו אביסל ביז עס וועט קומען אויף די וועלט איינער מיטן נאמען אברהם, און וועגן אים איז ווערד די גאנצע וועלט באשאפונג, און שפעטער ווען אברהם אבינו ע"ה איז עלטער געווארן, זענען די מלאכים אים געגאנגען זעהן צו וויסן וואס איז זיין גרויסקייט, אבער זיי האבן נישט געזעהן עפעס ספעציעל, ווייל זיי האבן געזעהן ווי ער באשעפטיגט זיך מיט בהמות, האבן זיי געזאגט וועלן מיר גיין פרעגן פון זיין פרוי, אפשר וועלן מיר געוואויר ווערן פון איר עפעס מער אויף איר מאן, האט זיי אברהם אבינו ע"ה געענטפערט: הנה באהל, זי איז א צנועה, און זי באהאלט זיך, און פון איר וועט עטץ אויך גארנישט געוואויר ווערן. ווען רבי אלעזר האט דאס געהערט, האט ער פארשטאנען אז רבי דוד האט געכאפט זיין מחשבה, האט ער זיך אנגערופן: אויב אזוי זענט איר רבי, און ער איז פארבליבן אין קאצק. (בישישים חכמה דף קכ"ד)

*

צוליב זיין טיפע מח און די הרגשים פון זיין הארץ, האט ער זיך נישט געקענט קאנצעטרירן צו דאווענען אינאיינעם מיטן ציבור, נאר ער האט געדאווענט מיט זיין טאטע הרה"ק **מקאצק** זצ"ל אין א צימער נעבן בית המדרש. אמאל שמיני עצרת ווען ער האט געדאווענט דארט אין צימער פון זיין סדר, האט אים זיין טאטע געהייסן ארויסגיין און דאווענען מיטן ציבור אין בית המדרש, זאגענדיג: עס איז דאך היינט שמיני עצרת, וואס מען חתמ'ענט די פרנסה פון אידישע קינדער. (שיח שרפי קודש ח"ג דף צ"ב)

*

אמאל זענען צוויי חסידים תלמידי חכמים געפארן קיין קאצק צו רבי דוד, און אויפן וועג האבן זיי זיך באשעפטיגט מיט לימוד התורה, אינמיטן האבן זיי גערעדט צו פארשטיין וואס חז"ל זאגן (פסחים נ' ע"ב) לעולם ילמוד אדם שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה, האט איינער פון זיי געזאגט אז די פשט איז א מענטש זאל לערנען אסאך תורה אפילו שלא לשמה, און בזכות דעם וועט ער זוכה זיין נאכדעם צו לערנען תורה לשמה, האט אים זיין חבר געזאגט: איך קלער אז די פשט איז, א מענטש זאל לערנען אסאך אפילו שלא לשמה, און פון אזויפיל לערנען וועט ער האבן א שעה וואס איז לשמה.

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין קאצק, האט רבי דוד געכאפט די מחשבה פון די חסידים וואס זיי זענען געקומען צו אים לערנען עבודת ה', וואס זיי האבן געשמועסט אויפן וועג, און ווען זיי זענען אריינגעקומען אין זיין צימער, האט ער זיי געוואלט לערנען א גרויסע יסוד אין דרך החסידות, האט ער זיי געזאגט: חז"ל זאגן לעולם ילמוד אדם שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה, איז דאך שווער אויב א מענטש זאל "אייביג" לערנען תורה שלא לשמה, ווען דען וועט ער לערנען לשמה, נאר די כוונה איז, אז ווי מער מען וועט פארמערן צו לערנען תורה לשמה, ווער ער זוכה זיין צו איינזעהן אז וואס ער האט געלערנט איז געווען שלא לשמה, און אזוי וועט ער אנקומען צו לערנען תורה לשמה. (בית קאצק דף רפ"ה)

*

רבי דוד פלעגט דערציילן מיט זיין גרויס עניוות ווי זיין טאטע הרה"ק **מקאצק** זצ"ל פלעגט אים מוסר'ן, און אמאל ווען הרה"ק רבי מנחם מענדל **מווארקא** זצ"ל איז געקומען קיין קאצק איז ער געווען פארשפארט מיטן הייליגן קאצקער פאר עטליכע שעה, און ווען ער איז ארויס פון דארט איז ער געווען גאר שטארק אויסגעמיטשעט, און שווייס איז גערינען פון זיין פנים, און ער האט זיך אראפגעזעצט אין הויף אויף א באלקן זיך צו אפריען, און ער האט געזאגט פאר די מענטשען וואס זענען געווען מיט אים: עטץ זאלטס וויסן אז דער אלטער - הרה"ק מקאצק האט מיר דורכגעקוקט אלע מיינע אברים, פונעם פוס ביזן קאפ, ביז איך האב דאס שוין נישט געקענט אויסהאלטן, און איך האב געטראכט איך וועל ווארטן נאך אפאר מינוט, און איך האב ב"ה געהאט הצלחה, ווייל בלית ברירה האט ער זיך אפגעלאזט פון מיר, און איך האב מיר אבערבאהאלטן פון אים, און ער איז גארנישט געוואויר געווארן פון מיר.

נאכדעם האט דער קאצקער גערופן זיין זון און ער האט אים געזאגט: זעה נאר מיין זון, מיין ידיד פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק **מווארקא**, האט איבערגעלאזט נאך זיך א זון [רבי מנחם מענדל], אבער איך וואס לאז איך איבער? און דו זאלסט וויסן, ווען ער קומט צו מיר גענארט ער פון מיר אלץ אויס, און איך קען פון אים גארנישט געוואויר ווערן. (אהבת דוד קאצק, לכל דרכיו משכיל פרק ד' דף ס"ו)

*

אמאל ווען הרה"ק רבי יחיאל מאיר **מגאסטונין** זצ"ל איז געווען ביי הרה"ק השרף **מקאצק** זצ"ל האט ער באקומען א בריוו פון זיין רביצין אז ער זאל צוריק אהיימפארן, ווייל ער דארף פארן צום שטאט קוטנא צו משתדל זיין צו באקומען די מאנאפול צו פארקויפן ברוינפן, אבער אזוי ווי דער שרף האט נישט אייביג אויפגענומען דעם ציבור, און אסאך מאל האט מען געדארפט ווארטן לאנגע וואכן צו קענען אריינגיין, האט ער געטראכט וואס ער קען טון צו אריינגיין און זיך געזעגענען, איין טאג ווען רבי יחיאל מאיר איז געשטאנען נעבן די טיר פונעם שרף, האט ער דארט געזעהן זיין זון רבי דוד, האט ער אים דערציילט זיין פראבלעם, האט אים רבי דוד אנגעכאפט און אים אריינגעשטופט אין צימער פון זיין טאטע, האט ער זיך אנגערופן: ווער איז דארט, האט ער געענטפערט: יחיאל מאיר בן שרה, איך בין אבער נישט שולדיג, ווייל רבי דוד האט מיר אריינגעשטופט אין צימער פונעם רבי'ן, האט דער שרף זיך אנגערופן: אה, מיין דוד קען איך זייער גוט, איך געדענק נאך מיט וועלכע מחשבה איך האב אים געברענגט אופן עולם הזה. (אהבת דוד קאצק, מדור לכל דרכיו משכיל פרק א' דף ט' הערה י')

*

הרה"ק השרף **מקאצק** זצ"ל איז אמאל אריין אין זיין בית המדרש, און ער האט געפרעגט פון די חסידים: ווען וועט מען שוין שרייבן די מגילה? קיינער פון די אנוועזענדע האבן נישט פארשטאנען וואס ער האט געמיינט צו פרעגן, און זיי זענען געגאנגען פרעגן פשט פון די ווערטער פון זיין זון רבי דוד אפשר וועט ער דאס קענען מסביר זיין פאר זיי, האט ער זיי געענטפערט: לעתיד לבא גייט מען שרייבן א לאנגע מגילה פון אלע צרות און שוועריגקייטן וואס זענען אדורך אויף אידישע קינדער אין דעם ביטערן גלות, און דעמאלטס וועלן מיר פארשטיין ווי יעדע זאך איז געווען אין דעם חסדים פון השי"ת, און דורכדעם איז געקומען די גאולה פאר אידישע קינדער, האט ער אויסגעפירט: אויף דעם האט מיין טאטע אינזין געהאט ווען ער האט געפרעגט ווען וועט מען שוין שרייבן די מגילה, אז ווען וועט מען שוין שרייבן די לאנגע מגילה פון די אידישע צרות, און דעמאלטס וועלן מיר זעהן אז די אלע זאכן איז געווען א טובה פאר אונז אין די טעג פונעם גלות. (ימות עולם אמשינאוו, דף קנ"ב)

*

רבי דוד פלעגט מסביר זיין פאר יעדן זיינע תורות און מאמרים וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע טיפקייט, און פלעגט אייביג מחדש זיין א נייע וועג אין עניני יראה ואהבה און עבודת השי"ת, און ער פלעגט זאגן אז ער איז געווען דער איינציגער צו וויסן זיין טאטע'ס כוונה, ווייל די אלע צדיקים וואס זענען געקומען צו אים, זענען נישט שטענדיג געווען ביי אים, ווי אויך האט ער אסאך זאכן באהאלטן פון זיי, אבער פאר אים האט ער גארנישט באהאלטן, און ער האט אלעס געזעהן און אלעס פארשטאנען פון אים. (הקדמת בנו הגה"ק מקאצק פילוב זצ"ל לסי' אהבת דוד)

**תורתו מאירת עינינו יגן לנו ויושר יליץ בעדינו**


**אדם אם היה עובר בין הקברות, והיה יודע שצדיק קבור שם,**
**צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה** (משלי י' ז') **זכר צדיק לברכה.** (פסק"ר פי"ב ס"א)
**פארט איר אויף קברי צדיקים ווי אימער אין דער וועלט ?**
די עיקר השתטחות ביי א ציון פון א צדיק איז נאכצוזאגן שמועות ועובדות מפיו כמובא בספה"ק.
איר צאלט אזויפיל געלט פאר די נסיעות, קומט נישט אן צום ציון ווי א פרעמדער, מיר וועלן אייך צושטעלן א קובץ "**לספר בציון**" מיט געקליבענע סיפורים מיוחד פאר די ציונים ווי איר פארט.
אזוי ווי איר זענט מחליט צו פארן אויף מקומות הקדושים, רופט אריין צו מערכת "**מבאר רבותינו**"
און מיר וועלן אייך צושטעלן בעזהשי"ת א קובץ לויט אייער פארלאנג. 718-218-6817
~ פויעלט אלעס גוטס ~

**אינטערנעט**
אפילו מיט אן אזויגערופענעם **גאר גוטן** פילטער
איז פארט **גאר שלעכט** פאר א אידישע נשמה



**מבאר רבותינו: 43 LORIMER ST. BROOKLYN N.Y. 11206**
**טעל: 718-218-6817 - פעקס: 718-506-9629**



**במשך שבתות הקיץ אינו מופיע עמוד ג' ועמוד ד' - ואתכם הסליחה**
כל הזכיות שמורות, ואסור להעתיק שום ענין מהגליון בלי רשות המערכת
י"ל ע"י קהל אפסי ארץ ד'נאנאש - בנשיאות הגה"צ רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א